**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/21/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול באקומט אן עמערדזשענסי דעקלעראציע פון פרעזידענטביידען ווען ווינטער שטורעם באגראבט אפסטעיט ניו יארק קאמיוניטיס מיט נאנט צו זיבן פיס שניי**

***עמערדזשענסי דעקלעראציע פון פרעזידענט ביידען פאר די 11 קאונטיס אונטער גאווערנער'ס סטעיט און עמערדזשענסי גיבט צוטריט צו פעדעראלע געלטער פאר די באטראפענע קאונטיס צו שטיצן הילף אפעראציעס***

***סטעיט אגענטור עמערדזשענסי אפרוף מיטלען זענען פאר ווייטער ארויסצוהעלפן לאקאליטעטן אין אפרוימונג און אויפריכטונג ארבעט אויפ'ן שפור פון היסטארישע שנייפאל אינצידענט***

***80 אינטשעס שניי באריכטעט אין ארטשערד פארק אין ערי קאונטי, מיט שפיץ שנייפאל אנזאמלונג פון זעקס אינטשעס פער שעה; טיילן פון די סיטי און באפעלאו און די סיטי און לוקעווענע פארבלייבן אונטער טראוועל פארבאט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז פרעזידענט ביידען האט צוגעשטימט צו דאס וואס זי האט געבעטן- אן עמערדזשענסי דעקלעראציע פאר קעטערעגוס, טשאטאקווא, ערי, דזשענעסי, דזשעפערסאן, לואיס, ניאגארא, אונײדא, אָסוועגא, סעינט לאורענס, ווייאָמינג קאונטיס, נאכפאלגנדיג די היסטארישע שניי שטורעם וואס האט באגראבן אפאר אפסטעיט ניו יארק קאמיוניטיס מיט נאנט צו זיבן פיס פון שניי לעצטע וואך. אונטער אן עמערדזשענסי דעקלערציע, איז דא דירעקטע פעדעראלע הילף פאר די אויבנדערמאנטע קאונטיס און FEMA איז אטערעזירט צו צושטעלן עמערדזשענסי באשיצונג מיטלען פאר די סטעיט וואס רעכנט אריין זוכעריי און ראטעווע אפעראציעס, ווי אויך אקציעס צו באשיצן קריטישע אינפראסטרוקטור ווי שאסייען און בריקן, וואסער קאנטראל פאסיליטיס, יוטיליטיס, און מאַסן טראנספארטאציע איינריכטונגען. איף גאווערנער האקול'ס אנווייזונג פארבלייבן סטעיט אגענטורן'ס עמערדזשענסי אפרוף אייגנשאפטן אויפ'ן פלאץ אין די אפעקטירטע געגנטער פון מערב ניו יארק, מיטל ניו יארק און די נאָרט קאנטרי, און העלפן ארטיגע רעגירונגען מיט אפרייניגונג און אויפריכטונג ארבעט.

"איך באדאנק פרעזידענט ביידען פאר'ן זאפארט באשטעטיגן די עמערדזשענסי דעקלעראציע וואס אונז האבן געבעטן און פאר אונזער אנגייענדע שטארקע שוטפות ווי אויך סענעטאר שומער פאר זיין הילף צו באקומען שטיצע פאר ניו יארקער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין טיעם און איך וועלן אנהאלטן צו ארבעטן אַרום די זייגער צו האלטן יעדעם פארזיכערט, העלפן קאמיוניטיס זיך ארויסגראבן און באקומען ביז די לעצטע דאללער צו העלפן זיך צוריק אויפצובויען און זיך ערהוילן פון די פרעצענדענטלאזע היסטארישע ווינטער שטורעם."

איבער סוף פון די וואך, האט גאווערנער האקול געבעטן די פעדעראלע רעגירונג פאר אן עמערדזשענסי דעקלעראציע, וואס איז געגעבן געווארן זונטאג אוונט. די לעצטע מאל וואס ניו יארק סטעיט האט געבעטן אז אן עמערדזשענסי דעקלעראציע זאל ווערן באשטימט איז געווען אין 2014 ווען עס האט גענומען וואכן

לאנג ביז עס איז באשטעטיגט געווארן. אן עמערדזשענסי דעקלעראציע קען דערקלערט ווערן פאר סיי וועלכע פארקומעניש אדער אינצידענט אין וועלכן דער פרעזידענט באשטימט פעדעראלע הילף דארף וואו עס נויטיגט זיך. די דעקלעראציעס זענען אין צוגאב צו סטעיט און ארטיגע באמיאונגען צו באזארגן עמערדזשענסי סערוויסעס, ווי דאס אפהיטן פון לעבנס, פארמעגנס, פובליק געזונטהייט, און זיכערהייט, אדער צו פארמינערן אדער פארמיידן א קאטאסטראפע אין סיי וועלכן טייל פון די פאראייניגטע שטאטן. גאווערנער האקול וועט אויך בעטן די פעדעראלע קלענערע ביזנעסער אדמיניסטראציע צו שאצן וויאזוי זיי קענען העלפן קלענערע ביזנעסער וואס זענען געשאדט געווארן דורך די שטורעם אין די 11 קאונטיס און קאַנטיגיואַס קאונטיס, איינמאל שטאט אפעראציעס טוישן איבער פון אפרוף צו ערהוילונגס מאדע.

גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) קאמישאנער דזשעקי ברעי מוטיגט ארטיגע באאמטע אין די באטראפענע קאונטיס פארצוזעצן דאס ארבעטן מיט זייער קאונטי עמערדזשענסי פארוואלטער ארייננצוגעבן סיי וועלכע רעסורס געברויכן דירעקט צו ׳ען-וויי רעספאנדס׳, דער סטעיט׳ס אינטערנעט-באזירטע סיסטעם וועלכס ערמעגליכט סיי לאקאלע רעגירונגען און סיי סטעיט אגענטורן ארייננצוגעבן און מיטצוטיילן נויטיגע עמערדזשענסי-פארבינדענע אינפארמאציע און רעסורס פארלאנגען.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער דזשעקי ברעי האט געזאגט**, "א דאנק גאווערנער האקול און פרעזידענט ביידען וועט די עמערדזשענסי דעקלעראציע צושטעלן די נויטבאדערפיגע פעדעראלע הילף פאר די לאקאלע רעגירונגען וועלכע די סטעיט טוט שוין שטיצן פון פאר די שטורעם. מיין טיעם און איך וועלן ארבעטן דירעקט מיט FEMA צו מאקסימיזירן די ווירקונג פון די פינאנצירונג צו פארזיכערן אז אונזער קאמיוניטיס קענען זיך צירוקקערן צו זייערע געווענליכע לעבנסשטייגער."

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס'ס אפיס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג און אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל, די דעפארטמענט פון טראנספארטאציע, ניו יארק סטעיט פאליציי, טרו-וועי אויטאריטעט, און נאציאנאלע גארד האלטן ווייטער אן צו שטיצן די לאקאלע רעגירונגען מיט אפרוף צו די ווינטער שטורעם און שניי אויפשאריגונג און רייניגונג אפעראציעס.

נאך פאר די אנקום פון די טייך אפעקט שניי דאנערשטאג, האט גאווערנער האקול באשטימט א [סטעיט אוו עמערדזשענסי פאר 11 קאונטיס און קאַנטיגיואַס קאונטיס](), וואס גייט ווייטער אן. אין צוגאב צו דעם, זענען ניו יארק'ס עמערדזשענסי פארוואלטונג עקספערטן געווען אין שטענדיגע קאָמוניקאַציע מיט זייערע לאקאלע מיטגלידער פאר טעג אין אויסקוק צו די געשעעניש.

די ווינטער שטורעם וואס האט זיך אנגעפאנגן דאנערשטאג האט באטראפן אפאר ראיאנען אין די סטעיט ביז נאך זונטאג, מיט 80 אינטשעס שניי באריכטעט אין ארטשערד פארק אין ערי קאונטי, און מער פון זעקס פיס פון שניי באריכטעט אין חלקים פון ערי און דזשעפערסאן קאונטיס. דורכאויס די שטורעם האבן די געגנטער מיטגעלעבט שנייפאל ראטעס פון צווי ביז דריי אינטשעס פער שעה, און געוויסע זעהנדיג א שפיץ פון זעקס אינטשעס פון שנייפאל א שעה. די אינטענסיווע שנייפאל האט געמאכט אז ארומפארן זאל זיין עקסטרעם סכנות'דיג.

די DHSES'ס דיזעסטער ערהוילונג מאנשאפטן וועלן זאפארט אנהויבן ארבעטן מיט די 11 קאונטיס וואס זענען אריינגערעכנט אין די עמערדזשענסי דעקלעראציע צו מאקסימיזירן פעדעראלע הילף.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418